Publié par
l'Association pour
l'Etude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער
# טעם-טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש-לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-למוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

**יאָר 3 , נומער 1 (11)**

**תּישרי תּשנ״ח/סעפּט׳ 1997**

## וועגן פּרץ הירשביין

דער הײַיאָריקער פּאַריזער זומערקורס פֿאַר ייִדיש איז געווען געווידמעט[1] דער טעמע „ייִדישע קינדער-ליטעראַטור“, ד״ה[2] ליטעראַטור פֿאַר קינדער, אָדער פֿאַר גרויסע מיט קינדער אַלס העלדן. אין פֿאַרלויף פֿון קורס האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַ סך באַרימטע ייִדישע שרײַבער און דיכטער, צווישן זיי אויך מיט פּרץ הירשביין וועגן וועמען איך וועל שרײַבן אייניקע שורות[3].
פּרץ הירשביין איז געבוירן געוואָרן אין דער גראָדנער געגנט (רוסלאַנד) בײַ אַ משפּחה וואָס האָט געלעבט אין אַ וואַסערמיל. ער האָט זייער יונג אָנגעהויבן שרײַבן לידער אויף העברעיִש אָבער ער איז גאָר גיך אַריבער אויף ייִדיש און אָנגעהויבן שרײַבן רעאַליסטישע דראַמעס פֿאַרן טעאַטער. זײַן ערשטע דראַמע געדרוקט אויף ייִדיש אין 1906 האָט געטראָגן דעם נאָמען *אויף יענער זײַט טײַך*.
הירשביין האָט געוווינט אין אַ סך ערטער. אין וואַרשע האָט ער זיך באַקענט מיט י. ל. פּרץ. אין אָדעס האָט ער געגרינדעט[4] און אָנגעפֿירט אַ דראַמאַטישע טרופּע. די דאָזיקע טרופּע האָט געשפּילט פּיעסעס פֿון אַ העכערן קינסטלערישן ניוואָ.
הירשביין איז געקומען אין אַמעריקע אין 1911. זײַנע פּיעסעס זענען אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין טעאַטער צווישן אַנדערע דורך מאָריס שוואַרץ. זיי זענען דער אָנהייב פֿון ייִדישן קינסטלערישן טעאַטער אין אַמעריקע. הירשביין האָט צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי געמאַכט צוויי וועלטרײַזעס איבער אַלע קאָנטינענטן וואָס ער האָט שפּעטער ברייט באַשריבן.
הירשביין איז געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס אין 1948 אין עלטער פֿון 67 יאָר. צווישן די 38 פּיעסעס וואָס ער האָט איבערגעלאָזט דערמאָנען מיר די *פּוסטע קרעטשמע* , *דעם שמידס טעכטער* און *גרינע פֿעלדער* , וואָס האָבן זייער אויסגענומען[5] בײַם עולם[6].

**שאַרלאָט קאָכענראַט**

1. consacré à/devoted to ; 2. דאָס הייסט ;
3. shures lignes/lines ; 4. fondé/founded ;
5. remporté un succès/were successful ;
6. oylem public.

## ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך

**דעם זומער זענען מיר אין פּאַריז געווען - ווי עס זאָגט דאָס אַלטע ווערטל - גליקלעך ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך, רעדנדיק און זינגענדיק און שפּילנדיק אויף מאַמע-לשון. דאָס איז געווען בשעת דעם צווייטן פּאַריזער אינטענסיוון זומערקורס וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿון 7טן ביז 25סטן יולי.**
**דער דאָזיקער ספּעציעלער נומער פֿונעם ייִדישן טעם-טעם איז אין גאַנצן געשריבן געוואָרן פֿון די תּלמידים פֿונעם זומערקורס. די מערהייט פֿון די טעקסטן שטאַמט פֿונעם זשורנאַליזם-וואַרשטאַט אָנגעפֿירט פֿון אָדם גרוזמאַן, וואָס אַרבעט אויף די ייִדיש-פּראָגראַמען פֿון דער ישׂראלדיקער ראַדיאָ *קול ישׂראל*.**



*אַ דאַנק דעם אינסטיטוט שאַרל 5 פֿאַר דער שיינער מוזיק, די וואַרעמע קלאַנגען פֿון מאַמע-לשון. דער פֿראַנצייזישער קעניג שאַרל 5 איז באַוווּסט ווי אַ גרינדער פֿון אַ ביבליאָטעק. דאָס אייניקל פֿון דער קעניגלעכער ביבליאָטעק האָט איצט אַ נײַ אָרט, אַ מאָדערנעם בנין. דער נאָמען וולאַדימיר מעדעם איז אויך פֿאַרבונדן מיט אַ פּאַריזער ביבליאָטעק. לאָמיר האָפֿן אַז די מעדעם-ביבליאָטעק זאָל אויך באַקומען אַ גרעסערן לאָקאַל פֿאַר מער און מער לייענערס.*

***גאָלדע נאַטאַף***

# אײַנס קינדעריאָרן אין לאָנדאָן



מיר האָבן געוווינט אין אַ קליין שמאָל געסעלע אין שאָטן פֿון אַ ריזיקער ברויז[1]. עס איז געווען אַ געגנט פֿול מיט פֿרומע ייִדן וואָס האָבן שטענדיק געבענקט נאָך „דער אַלטער היים.“ אויפֿן ראָג[2] גאַס איז געשטאַנען אַ שענק אַזוי ווי אַ וועכטער[3]. אירע ווענט זײַנען געווען אויסגעפוצט מיט מיאוסע[4] גלאַנציקע קאַכלען[5]. פֿאַר דער טיר איז געהאָנגען אויף אַן אײַזערנער קייט אַ בילד פֿון אַן אָדלער[6] ווו ס'איז געווען אָנגעשריבן מיט זילבערנע אותיות[7] „דער גרויער אָדלער“. רעכטס איז געווען די שווערע בריק פֿון דער אײַזנבאַן. די באַנען האָבן מיר ניט געקענט זען : זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער אַ מויער. אָבער מען האָט געהערט דאָס בורטשען און ברומען און קנאַקן פֿון די רעדער. צווישן מויער און רעלסן[8] איז געווען אַ שפּאַלט און אַ מאָל, ווען אַ באַן איז דאָרטן אומגעלומפּערט דורכגעפֿאָרן, האָט מען דערזען, פֿלינק ווי פֿײַל פֿון בויגן[9], אַ שטראַל זון אויף די רעלסן. מיר קינדער האָבן ניט דערציילט וועגן דעם ווײַל מיר זײַנען טאַקע געווען זיכער אַז די שטראַלן זײַנען פֿעעס[10] וואָס שפּילן זיך דאָרטן. פֿרעגט מען ניט, אַנטפּלעקט מען ניט...

די הײַזער זײַנען געווען קליין, נידעריק, אײַנגעבויגן, די פֿענצטער אָפּגעפּוצט, די טרעטאַרן[11] פֿאַר די טירעלעך אויסגעשײַערט. די הילצערנע לאָדנס פֿלעגט מען פֿאַרמאַכן בײַ נאַכט און אַלץ פֿלעגט ווערן שאַ שטיל.

כּמעט אין מיטן גאַס איז געשטאַנען אַ לאַמטערן-סלופּ[12], אַ קליינער, גרינער, מעטאַלענער זעלנער מיט אַ קאָפּ ווי אַ גלעזערנער קיווער[13]. בײַ נאַכט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ העלע נעפּלדיקע ליכט.

אַ מאָל איז פֿאַרבײַ אין גאַס אַ פֿערד מיט אַ פֿור אָנגעלאָדן מיט קוילן[14] וואָס פֿון אים האָט זיך געפֿילט אַ שטאַרקער, זויערער ריח[15].

אין אָוונט ווען די זשאַלוזיעס[16] זײַנען געווען אַראָפּגעצויגן, האָט מען דערהערט, אַזוי ווי אין אַ חלום[17], פֿון דער ווײַטנס, דאָס קלאַפּן פֿון גרויסע האָריקע פֿיס : די פֿערד פֿון ברויז וואָס שלעפּן אַ פֿור מיט הילצערנע פֿעסער ביר. די געגנט איז געוואָרן פֿול מיטן מאָדנעם זיסן שמוכט[18] פֿון ביר וואָס מע ברענגט דעם וועכטער אויפֿן ראָג גאַס.

**בלאַנש לויִס**

1. brasserie (où on fabrique la bière)/ brewery ; 2. coin/corner ; 3. sentinelle/ watchman ; 4. MIES... laid/ugly ; 5. carreaux/tiles ; 6. aigle/eagle ; 7. OYSYES lettres/letters ; 8. rails ; 9. *exp. lit.* rapide comme une flèche d'un arc/fleet as an arrow from a bow ; 10. fées/fairies ; 11. trottoirs/pavement ; 12. réverbère/ lamppost 13. casque/helmet ; 14. charbon/ coal ; 15. REYEKh odeur/smell ; 16. "jalousies"- stores/blinds ; 17. KhOLEM rêve/dream ; 18. odeur/smell.



# ייִדיש אין טעקסאַס

ווי אַלע ווייסן, האָט אַרגענטינע אירע ייִדישע גאַוטשאָס. צי ווווינען אין טעקסאַס ייִדן-קאַובויס ?

געווען אַרבעטער-רינג-שולעס אין דאַלאַס אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אונדזער יאָרהונדערט; הײַנטיקע צײַטן קען מען באַקומען אַ דאָקטאָראַט אין ייִדיש אינעם גרויסן שטאַטישן אוניווערסיטעט (מיט 50 000 סטודענטן) וואָס געפֿינט זיך אין דער טעקסאַנער הויפּטשטאָט אָסטין.




צווישן די דאָרטיקע פּראָפֿעסאָרן זײַנען פֿאַראַן דרײַ גרויסע קענערס פֿון ייִדיש : ד״ר ראָבערט קינג, אַ גערמאַניסט און געוועזענער דעקאַן[1] פֿון דער הומאַניסטיק, וואָס פֿאָרשט די היסטאָרישע שײַכות[2] צווישן ייִדיש און דײַטשע דיאַלעקטן; ד״ר שמואל-אליעזר (אויף ענגליש : סעטה) וואָליץ, פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישע לימודים[3] און אַ בעל-כּמה-וכּמה-לשונות[4] (ייִדיש, פֿראַנצייזיש, שפּאַניש, פּראָוואַנסאַל, רוסיש), וואָס פֿאַרנעמט זיך צווישן אַנדערע טעמעס מיט ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישער אידענטיטעט; ד״ר איציק גאָטעסמאַן, וואָס לערנט סײַ פֿאָלקלאָריסטיק סײַ ייִדישע שפּראַך. ס'איז אַ מחיה[5] צו הערן ווי בײַ אים רעדן א לײַטיש מאַמע-לשון כּל-מיני[6] טעקסאַנער : פֿרומע באַפּטיסטן וואָס זײַנען טשיקאַווע[7] אויפֿן ייִדישן שטייגער לעבן און גלייבן; און ייִדישע „פֿרעטבויס“, בחורים פֿון באַלעבאַטישע היימען וואָס פֿירן זיך ווי ווײַסע-חבֿרהניקעס[8] ווײַל אַזוי טוט מען יונגערהייט.

אַ סך רעקלאַמע האָב איך געמאַכט פֿאַר אָסטין אָבער אַני-הקטן[9] לערן אין אַן אַנדער טעקסאַנער אוניווערסיטעט, אַ קלענערן אָבער גאָר אַ ווױלן, מיטן נאָמען טריניטי, אין סאַן-אַנטאָניאָ (2500 סטודענטן). ניט געקוקט אויף די נעמען פֿון שטאָט און פֿון אוניווערסיטעט וואָס שמעקן גאָר ניט ייִדיש, קומען פֿון יאָר צו יאָר אַ צענדלינג בני- און בנות-ישׂראל[10]. און כאָטש אָפֿיציעל בין איך אַ פּראָפֿעסאָר פֿון פֿראַנצייזיש און שפּאַניש, איז מיר אויסגעקומען צו לערנען ייִדיש. נאָך דערצו זײַנען דאָ אין דער דאָרטיקער ייִדישער קהילה[11] עלטערע ייִדן וואָס קומען זיך צונויף איין מאָל אין חודש[12] בפֿירוש[13] כּדי צו רעדן מאַמע-לשון.

נישט קיין חידוש[14] אַז אין אַזאַ שטאַט ווי טעקסאַס (אַ פֿינפֿטל גרעסער ווי פֿראַנקרײַך) קען מען הערן אַ ייִדיש וואָרט.

**אַבֿרהם-מיכל אַסטראָ**

1. doyen/dean ; 2. ShAYKhES relations ; 3. LIMUDIM études/studies ; 4. BAL KAME VEKAME LEShOYNES *lit:* maître d'un grand nombre de langues/master of a great many languages ; 5. MEKhAYE plaisir/ pleasure ; 6. KOL MINI toutes sortes/all kinds ; 7. curieux/curious ; 8. ... KhEVRE... petits voyous/mischief-makers ; 9. ANI-HAKOTN votre serviteur/my humble self ; 10. BNEY... BNOS... garçons et filles juifs / Jewish boys and girls ; 11. KEHILE communauté/community ; 12. KhOYDESh mois/month ; 13. BEFEYRESh exprès/specifically ; 14. ...KhIDESh pas étonnant/not surprising.

# ייִדישע קולטור אין איטאַליע

כאָטש די קולטור פֿון ייִדן אין איטאַליע איז נישט קיין אַשכּנזישע[1] איז זי געווען אַ וויכטיקע, סײַ אַ מאָל, סײַ הײַנט. אין דעם 15טן און 16טן יאָרהונדערט האָט מען גערעדט מערבֿ-ייִדיש[2] אין דער געגנט אַרום ווענעציע, פּאַדואַ, מילאַנאָ און טריעסט. די ייִדישע שפּראַך איז אויך פֿאַרבונדן מיט הומאַניזם (למשל דער שרײַבער און פֿילאָלאָג עליאַ לעוויטאַ, וואָס הייסט אויף ייִדיש אליה בחור) און מיטן אָנהייב פֿון דער פּרעסע (דײַטשישע ייִדן זײַנען געווען די פֿאַרלעגערס פֿון וואַטיקאַן). שפּעטער איז די ייִדישע שפּראַך פֿאַרשוווּנדן, ווי אין דײַטשלאַנד.




הײַנט איז דאָ אַ באַנײַטער אינטערעס פֿאַר ייִדישער קולטור וואָס האָט אָנגעהויבן מיט דער גרויסער הצלחה[3] פֿון מוזיק-גרופּעס וואָס שפּילן כּלי-זמר[4]-מוזיק און אַנדערע ייִדישע לידער. אַזוי האָט אויך אָנגעהויבן דער זינגער און אַקטיאָר מאָני אָוואַדיאַ, אַ ספֿרדישער[5] ייִד פֿון בולגאַריע וואָס רעדט כּמעט[6] 20 שפּראַכן, צווישן זיי ייִדיש. ער האָט אויפֿגעפֿירט אויף דער בינע עטלעכע טעאַטער-פּיעסעס אינספּירירט פֿון די ייִדישע קלאַסיקערס און פֿון די פּאָעטן פֿוןווידערשטאַנד[7] אין דער צווייטער וועלט-מלחמה. ער פֿירט אַ „ייִדיש קאַבאַרעט" ווו ער זינגט און רעציטירט אויף ייִדיש. נישט געקוקט[8] אויף דעם וואָס זײַן פּובליקום פֿאַרשטייט נישט קיין ייִדיש, זײַנען זײַנע פֿאָרשטעלונגען תּמיד[9] אויספֿאַרקויפֿט.[10]

אויפֿן אַקאַדעמישן ניוואָ איז אויך דאָ אַ גרויסער אינטערעס. אין די זעכציקער יאָרן האָט פּראָפֿעסאָר קלאַודיאָ מאַגריס אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן מיזרח-ייִדן[11] מיטן טיטל „אַוועק פֿון וואַנען ?". פֿאָרשערס ווי למשל גוידאָ פֿינק האָבן געאַרבעט איבער דער ייִדישער אַמעריקאַנער קולטור. אין מײַן שטאָט באַרי, אין דרום-איטאַליע[12], אַרבעט פּראָפֿעסאָר דזשוזעפּע פֿאַרעזע, אַ ספּעציאַליסט פֿון אַרטור שניצלער און פֿון מיטל-אייראָפּעישער ליטעראַטור. זינט פֿערציק יאָר באַשעפֿטיקט ער זיך מיט אַזעלכע שרײַבערס ווי קאַפֿקאַ, יאָזעף ראָט, עלזאַ לאַסקער-שילער און ראָזאַ אויסלענדער. איצט וויל ער שטודירן די מיזרח-מקורים[13] פֿון זייערע אָבֿות[14]. קומענדיק יאָר וועט זײַן קורס הייסן „דער ייִד אַמשל קאַפֿקאַ" און מע וועט דאָרט שטודירן די ייִדישע קוואַלן פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַ. ס'וועט אויך זײַן אַ סימפּאָזיום, אַ פֿאָרשטעלונג פֿון מאָני אָוואַדיאַ, אַ פֿאָטאָ-אויסשטעלונג און אַ פּאָר לעקציעס וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור וואָס, אם-ירצה-השם[15] וועל איך זיי געבן.

**מאַריסאַ (הדסה) ראָמאַנאָ**

1. ASHKENAZ... ; 2. MAYREV... occidental/western ; 3. HATSLOKHE réussite/success ; 4. KLEZMER ; 5. SFARD... ; 6. KIMAT presque/nearly ; 7. Résistance ; 8. malgré/despite ; 9. TOMID toujours/always ; 10. complet/sold out ; 11. MIZREKH... oriental/eastern ; 12. DOREM... du sud/southern ; 13. MEKOYRIM sources *sing.* MOKER ; 14. OVES ancêtres/ancestors ; 15. MIRTSASHEM si Dieu le veut/God willing.



# צום געדענקען

**די אָנהייבער פֿונעם ערשטן און צווייטן קלאַס האָט מען געשטעלט די פֿראַגע : וואָס ווילט איר געדענקען פֿון זומערקורס ? מיר גיבן דאָ איבער זייערע ענטפֿערס.**

איך וועל געדענקען די אינטערעסאַנטע און ספּעציעלע מענטשן, לערערס און תּלמידים, די לאַנגע נעכט מיט אַ סך היימאַרבעט, די מעשׂיות וואָס מיר האָבן געלייענט.
**נינאַ**

**די זומערקורסן אויף ייִדיש זײַנען פֿאַר מיר אַ גרויסער מאָמענט. עס טרעפֿן זיך אַ סך מענטשן וואָס קומען פֿון דער גאַנצער וועלט. מען לערנט, מען לאַכט און זינגט צוזאַמען.**
**עמנואל**

איך וויל ניט געדענקען די היימאַרבעט, אָבער איך וועל זי יאָ געדענקען ! איך האָב זיך באַקענט מיט פֿײַנע מענטשן. איך האָב זיך געלערנט אַ סך וועגן ייִדישער גראַמאַטיק און איך האָב געזען אַז איך קען לייענען אַ מעשׂה און זי פֿאַרשטיין.
**לאָר**

*איך וויל געדענקען אַ ליכט איבער וואָרצלען, אַן „אוי" און אַ פֿרייד.*
***אַלעקסאַנדער***

אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט מיר.
**סאַשאַ**

*סאָניעס געלעכטער, די היימאַרבעט, מײַנע נײַע פֿרײַנד, דעם אלף-בית, „באַז", און די מוזיק פֿון דער ייִדישער שפּראַך.*
***שׂרה***

קינדערלעך, ביכעלעך און אַ סך זאַכעלעך, דעם בוים פֿון פּוילן און אייביקע כוואַליעס, דעם שוים. מיר האָבן געהאַט מאָנטיק בולבעס, דינסטיק בולבעס, אַלע טאָג בולבעס. מיר שפּאַצירן אויף די דעכער פֿון פּאַריז מיט אַ בלויער פֿידל.
***מאַרזשאָלען***

איך וועל תּמיד געדענקען די שׂימחה פֿון סאָניען ווען זי געווינט די „באַז"-שפּיל.
**דניאל**

די רעדאַקציע שטעלט אַ וויכטיקע פֿראַגע : ווער קען דערקלערן וואָס איז „באַז" ?

# שטיפּעריש

**דאָס ליד האָט געשריבן שלמה (סאָלאָמאָן) ראָס, אויפֿן ניגון פֿון „הוליעט, הוליעט, קינדערלעך“.**

ווײַנט זשע, ווײַנט זשע תּלמידים
וואָס טוט מען אָן אַ לערער ?
מיר האָבן ליב אַ הילף, אַ שטופּ,
היימאַרבעט, נאָר ניט אַזוי שווער.

למשל רענע קאַלושינסקי
שאַפֿט לאַנגזאַם, וויסנדיק,
בײַ איר אַ פּשוטער אָנהייבער
קען ווערן אַ חכם גיך.

מיר קעמפֿן מיט דער גראַמאַטיק
וואָס סאָניאַ לערנט אונדז.
פּינקוסאָוויטש ברענגט אַרויס
פֿון כאַאָס אָרדענונג.

געדולדיקער פֿרײַנד זשיל ראָזיע
איז פֿאַר אונדז תּמיד דאָ,
פֿראַגעס, פֿראַגעס, טאָג אײַן, טאָג אויס,
קען זיך ניט אָפּרוען אַ שעה.

בתיה, בתיה, אַ שיינעם דאַנק,
פֿאַר אונדז אַ מתּנה,
זי פֿאַרריכט די פֿעלערן לערנענדיק,
ס׳וועט זײַן אַ הצלחה.

אין פּרעסטאָ, מײַסטער זשאַק גראָבער
שאַפֿט מיט אונדז אַזאַ כאָר,
מיר ווילן זינגען מיט קול-שׂימחה
זײַנע שירים לדור-ודור.



און רעציטירן אַזוי ווי בערל
ווײַסבראָט, ווייס גאָט, ווייס איך,
מיר אַלע, אַלע באַוווּנדערן אים,
עס שײַנט דאָ אַ גרויס ליכט.

סעניאָר גרוזמאַן דער קיביצער,
אַ שרײַבער און אַ לערער,
די פּינטעלעך זײַנען זײַן מעטיע,
מיר שאַצן אים טאַקע זייער.

רובי, אַן אוצר, העלפֿט מיט אַלץ,
אַן איידלשטיין איז זי,
צו דערליידיקן טויזנט פּרטים
שטייט זי אויף שרעקלעך פֿרי.

חנעוודיקע וועראַ סאָלאָמאָן
כאָטש יעדער ציטערט גלײַך,
הינטער דעם שאַרף קריטישן בליק
איר האַרץ איז ממש ווייך.

אַהרון חבֿיבֿ פֿרײַנד ניבאָרסקי,
זײַן שמייכל פֿאַרפֿירט אונדז ניט.
ער בענקט און חלומט אָן אַ סוף
נאָך אַ שטיק יום-טובֿ פֿאַר זיך.

טיף פֿלייצט דער טײַך חבֿר גאָלדוואַסער,
זײַן כּוח - אַן אמתער נס.
ער טראַכט: נאָך אַזאַ אָנשטרענגונג
וואָלט געווען אַ שנאַפּס ניט שלעכט.

און איצט ? אויף אייביק, פֿאַרטיק, אויס ?
אַזאַ טרויעריקער געדאַנק,
אפֿשר אין יולי, ס׳קומענדיקע יאָר
הייבט זיך אָן ווידער אַלץ .

לייענען, לערנען... לאַכן אויך
מיר זײַנען ניט אַזוי פֿרום,
אַ פּינטל, און פֿאַרטיק איז דאָס ליד,
זײַט געזונט... און שטרום, שטרום, שטרום.



# פֿאַרווײַלונג

אָט האָט איר 19 ווערטער וואָס האָבן צו טאָן מיטן זומערקורס.
איר קענט זיי אַלע געפֿינען אין די קעסטעלעך דאָ אונטן אויב איר זוכט אין אַלע ריכטונגען - האָריזאָנטאַל, ווערטיקאַל און דיאַגאָנאַל.

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | א | ר | ל | 5 | ז | י | ר | א | פּ |
| מ | ז | ב | י | כ | ע | ר | י | ר | י |
| ע | ז | י | נ | ג | ע | נ | ו | ט | ט |
| שׂ | ז | ש | ש | ל | ו | ט | ש | ע | ת |
| ה | ע | ג | ו | ל | א | כ | נ | מ | י |
| ז | ו | מ | ע | ר | ק | ו | ר | ס | ב |
| ל | י | ד | ע | ר | נ | ע | ז | נ | – |
| ז | י | ט | ע | ו | ו | א | ק | ד | פּ |
| א | י | י | ו | נ | ו | ש | ל | ע | ל |
| ל | נ | ט | ט | ע | א | ט | ע | ר | א |

זומערקורס
ליטעראַטור
זשורנאַל
אַלף-בית
טעאַטער
זינגען
שאַרל 5

פּאַריז
ביכער
לידער
מעטראָ
מעשׂה
לשון
שטול

רעדן
לאַכן
קאַווע
טיי
זאַל

**מיט די איבעריקע אותיות וועט איר קענען שאַפֿן אַ זאַץ !**

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

**דער ייִדישער טעם-טעם**
**אויף אינטערנעט :**
**http://www.yiddishweb.com/tamtam.htm**


**מעדעם-ביבליאָטעק**
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr

**AEDCY**
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03